# Health Home ערלויבעניש
# אפט געפרעגטע פראגעס (FAQ)
# צו נוצן פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט

New York State Department of Health
Office of Health Insurance Programs
(אפיס פון העלט אינשורענס פראגראמען)

**אנווייזונגען:** די דאקומענט זאל ווערן געגעבן פאר קינדער וועלכע זענען אונטער 18 יאר אלט און זענען בארעכטיגט צו זיך איינשרייבן אין א Health Home, און צו זייער עלטערן, גארדיענס אדער לעגאלע אויטאריזירטע פארשטייערן. די דאקומענט זאל ווערן איבערגעקוקט מיט זיי איידער אויספולן די Health Home איינשרייבונג און אינפארמאציע מיטטיילונג ערלויבעניש צו נוצן פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט (DOH-5201). אבער, קינדער וועלכע זענען עלטערן, טראגעדיג, און/אדער פארהייראט, און וועלכע קענען אויסער דעם געבן ערלויבעניש (18 יאר אלט און העכער), זאלן נישט באקומען דעם דאקומענט. זיי זאלן באקומען די Health Home פאציענט אינפארמאציע מיטטיילונג ערלויבעניש פארם (DOH-5055) צו איבערקוקן און אויספולן.

## 1. וואס איז די Health Home פראגראם?

די ציל פון די Health Home פראגראם איז צו פארזיכערן אז איר באקומט די קעיר און סערוויסעס וואס איר דארפט צו זיין געזונט. אפשר איז אייך שווער צו טרעפן די ריכטיגע דאקטער. אדער, אפשר זענט איר לעצטנס געווען אין שפיטאל אדער עמערדזשענסי רום. די **Health Home** פראגראם האט מענטשן וועלכע קענען אייך העלפן. די מענטשן ווערן אנגערופן "קעיר מענעדזשערס". אלס א מיטגליד פון די Health Home פראגראם, וועט איר האבן אייער אייגענע קעיר מענעדזשער.

אייער קעיר מענעדזשער מאכט זיכער אז איר האט די סערוויסעס וואס איר דארפט אזוי ווי:

- אפוינטמענטס מיט העלטקעיר פראוויידערס (אזוי ווי דאקטוירים, נורסעס, נוטרישינאליסטס, קאונסעלארס, גייסטישע געזונטהייט פראוויידערס, סאבסטענץ אביוז פראוויידערס, דעוועלאפמענטאל דיסאביליטיס פראוויידערס),
- מעדיצינען,
- א פארזיכערטע פלאץ צו וואוינען,
- אינשורענס צו צאלן פאר אייער קעיר און סערוויסעס, און/אדער
- טראנספארטאציע צו אייער אפוינטמענטס.

אייער קעיר מענעדזשער ארבעט צוזאמען מיט אייך צו באשטימען א קעיר פלאן. א קעיר פלאן רעכנט אויס אלע אייערע געברויכן, אייער ציל פאר יעדע געברויך, און וועלכע פראוויידערס און סערוויסעס איר דארפט צו דערגרייכן אייער צילן. די מענטשן און סערוויסעס פארמישט אין אייער קעיר פלאן ווערן אייער Health Home "גרופע". צו באקומען אלעס וואס איר דארפט, מוז די גרופע רעדן צווישן זיך און מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע.

אייער קעיר מענעדזשער איז דארט צו העלפן און ענטפערן אייערע פראגעס.

## 2. ווי אזוי ווער איך בארעכטיגט פאר א Health Home?

צו זיין אין א Health Home, מוזט איר:

- האבן איין איינצעלנע בארעכטיגטע פראבלעם אדער צוויי אדער מער כראנישע פראבלעמען,
- דארפן א קעיר מענעדזשער אייך צו העלפן באקומען אייער קעיר און סערוויסעס, און
- האבן Medicaid.

## 3. וואס זענען די בענעפיטן פון זיין אין א Health Home?

- איר האט איין קעיר מענעדזשער וואס ארבעט אויס אייער קעיר און סערוויסעס
- אייער קעיר מענעדזשער קען אייך העלפן פארשטיין וויאזוי צו אויסארבעטן אייער העלטקעיר און געזעלשאפט געברויכן
- איר האט א גרופע פון פראוויידערס אוועילעבל פאר אייך פאר פראגעס וואס איר קענט האבן
- אייער קעיר מענעדזשער וועט מאכן זיכער אז אייער פראוויידערס רעדן צווישן זיך אייך צו העלפן בלייבן געזונט

## 4. ווי אזוי שרייב איך זיך איין פאר א Health Home?

אייער עלטערן, גארדיען, אדער לעגאלע אוטאריזירטע פארשטייער שרייבט אייך איין אין א Health Home דורך אונטערשרייבן די Health Home איינשרייבונג און אינפארמאציע מיטטיילונג ערלויבעניש צו נוצן פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט (DOH-5201).

פאר'ן ציל פון איינשרייבונג, איז א לעגאלע אוטאריזירטע פארשטייער א מענטש אדער אגענטור אוטאריזירט דורך סטעיט, טרייבעל, מיליטערישע אדער אנדערע גילטיגע געזעץ, געריכט באפעל אדער ערלויבעניש צו טון אין אייער נאמען צו מאכן העלט קעיר באשלוסן.

## 5. איינמאל איר זענט איינגעשריבן אין א Health Home, וועלן די Health Home און אייערע פראוויידערס דארפן מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע. וואס איז "העלט אינפארמאציע"?

אייער העלט אינפארמאציע נעמט אריין אלגעמיינע אינפארמאציע איבער אייער געזונטהייט. עס קען אריינגעמען אינפארמאציע איבער קראנקהייטן אדער וואונדן וואס איר האט געהאט, מעדיקעל רעקארדס, אזוי ווי עקס-רעיז אדער טעסט רעזולטאטן, אדער א ליסטע פון פרעסקריפשען דראגס וואס איר האט גענומען. אייער העלט אינפארמאציע קען מיינען באהאנדלונג פאר סענסיטיווע העלט פראבלעמען, אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו: HIV/AIDS; געשלעכטליך אריבערגעפירטע קראנקהייטן; גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען; אדער אלקאהאל אדער סובסטאנץ אביוז באהאנדלונג. אינפארמאציע:

## .6 וואס מיינען מיר מיטן "מיטטיילן" אייער העלט אינפארמאציע?

מענטשן וועלכע קענען מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע קענען:

- באקומען,
- זען,
- ליינען,
- אדורכרעדן, און/אדער
- קאפיע'ען אייער העלט אינפארמאציע אזוויי ערלויבט לויט'ן געזעץ.

## .7 פארוואס דארפן די Health Home און פראוויידערס האבן אייער העלט אינפארמאציע?

געדענקט, עס איז וויכטיג פאר אלע מענטשן אין אייער Health Home גרופע צו רעדן צווישן זיך. דאס מיינט אז זיי וועלן דארפן מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע. אייער העלט אינפארמאציע וועט גענוצט ווערן צו:

- אייך העלפן באקומען קעיר,
- אייך העלפן אויסארבעטן אייער קעיר, און
- מאכן זיכער אז אייער העלט אינשורענס ארבעט און זען וואס עס צאלט פאר.

העלט פלענער (אינשורענס פירמעס) קענען נישט נוצן די העלט אינפארמאציע צו באשליסן אויב זיי וועלן אייך געבן העלט אינשורענס. זיי קענען נישט נוצן די אינפארמאציע צו באשליסן אויב זיי זאלן באצאלן אייער מעדיקעל בילס. העלט פלענער האבן זייער אייגענע וועגן צו באקומען די אינפארמאציע.

## .8 וואו וועט מיין העלט אינפארמאציע קומען פון?

אייער העלט אינפארמאציע קומט פון פלעצער און מענטשן וואס האבן אייך געגעבן, אדער געבן אייך יעצט, העלט קעיר אדער העלט אינשורענס. דאס קען אריינרעכענען שפיטעלער, דאקטוירים, אפטייקן, לאבאראטאריעס, העלט פלענס (אינשורענס פירמעס), די Medicaid פראגראם, ציין דאקטוירים, און אנדערע גרופעס וואס טיילן מיט אינפארמאציע.

## .9 ווער קען מיטטיילן מיין העלט אינפארמאציע?

אייער עלטערן, גארדיען, אדער לעגאלע אויטאריזירטע פארשטייער וועט באשליסן ווער עס קען מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע דורך אויספולן די *Health Home איינשרייבונג און אינפארמאציע מיטטיילונג ערלויבעניש צו נוצן פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט (DOH-5201), אפטיילונג 1*. פאר'ן ציל פון מיטטיילן אינפארמאציע איז א לעגאלע אויטאריזירטע פארשטייער א מענטש אדער אגענטור אויטאריזירט דורך סטעיט, טרייבעל, מיליטערישע אדער אנדערע גילטיגע געזעץ, געריכט באפעל אדער ערלויבעניש צו טון אין נאמען פון א מענטש צו ארויסלאזן מעדיקעל אינפארמאציע. אויב אן ארטיגע קאמישאנער פון סאושעל סערוויסעס איז דער מענטש וואס ערלויבט אייער העלט קעיר, דאן קען ער אדער זי אויך זיין דער מענטש וואס וועט ערלויבן צו מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע.

אין געוויסע אומשטענדן, לאזט דער געזעץ אז איר זאלט אויסוועלן ווער עס קען מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע. דא זענען געוויסע אומשטענדן וואו איר האט קאנטראל איבער אייער העלט אינפארמאציע און ווער עס קען עס מיטטיילן, דורך אויספולן Health Home איינשרייבונג און אינפארמאציע מיטטיילונג ערלויבעניש צו נוצן פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט (DOH-5201), אפטיילונג 2:

- פאמיליע פלאנירונג
- עמערדזשענסי קאנטראסעפשין
- אבארשין
- געשלעכטליך אריבערגעפירטע אנצינדונג טעסטינג און באהאנדלונג
- HIV טעסטינג
- פרינעיטעל קעיר, לעיבאר/דעליווערי
- דראג און אלקאהאל באהאנדלונג
- געשלעכטליכע אטאקעס סערוויסעס
- גייסטישע געזונטהייט און/אדער דעוועלאפמענטאל דיסאביליטיס סערוויסעס - אויב איר זענט איבער צוועלף יאר אלט, קען אייער קלינישען אייך מעגליך פרעגן איידער ארויסגעבן אינפארמאציע

New York State האט אויך צוטריט צו אייער העלט אינפארמאציע וויבאלד עס צאלט פאר אייער Medicaid סערוויסעס. ניו יארק סטעיט קען נוצן אייער העלט אינפארמאציע צו לערנען מער איבער די Health Home פראגראם צו מאכן ענדערונגען און עס פארבעסערן.

## .10 וועלכע געזעצן און רעגולאציעס דעקן ווי אזוי מיין העלט אינפארמאציע קען ווערן מיטגעטיילט?

עס זענען דא עטליכע פעדעראלע און סטעיט געזעצן. די געזעצן נעמען אריין New York Mental Hygiene Law (ניו יארק גייסטישע ריינקייט געזעץ) אפטיילונג 33.13 און 33.16, New York Public Health Law (ניו יארק פאבליק העלט געזעץ) ארטיקל 27-F, און Federal Confidentiality rules (פעדעראלע געהיימקייט געזעצן), אריינגערעכנט 42 CFR טייל 2 און 45 CFR טיילן 160 און 164 (וועלכע זענען די געזעצן צו וואס מען באציט זיך אלס Health Information Portability and Accountability Act, HIPAA (העלט אינפארמאציע פארטאביליטי און אקאונטאביליטי אקט). Medicaid Confidentiality rules (מעדיקעיד געהיימקייט געזעצן): New York Social Services Law (ניו יארק סאושעל סערוויסעס געזעץ) §§ 367(b)(4), 369(4), Social Security Act (טקא יטירויקעס לעשואס) § 1902(a)(7) 42 C.F.R. § 431.300 et seq., 42 CFR 457.1110 ,42 USC §1396a(a)(7); 10 NYCRR טייל 300 Statewide Health Information Network for New York – (סטעיט ברייטע העלט אינפארמאציע נעטווארק פאר ניו יארק) (SHIN-NY) און, New York Mental Hygiene Laws (ניו יארק גייסטישע ריינקייט געזעצן) 41.05, 41.07 און 41.13 שילדערן די פאראנטווארטליכקייט פון די ארטיגע רעגירונג יוניט (LGU) פאר געבן די ארטיגע סערוויסעס פלאן און פאר די LGU צו צושטעלן אדער ארבעטן פאר די דערהאלטונג פון סערוויסעס. די Health Home און פראוויידערס וואס טיילן מיט די קינד'ס העלט אינפארמאציע מוזן אויספאלגן די געזעצן און רעגולאציעס.

**11. וואס איז אויב א מענטש נוצט מיין אינפארמאציע און איך האב נישט צוגעשטימט יענעם צו לאזן עס נוצן?**

אויב דאס פאסירט, קענט איר:

- רופן צו די Office of Civil Rights (אפיס פאר ציווילע רעכטן) 1-800-368-1019, אדער
- ארייִנשיקן א שריפטליכע קלאגע צו: http://www.hhs.gov/ocr/civilrights/complaints/

איך וועט אויך מעגליך ווילן:

- רופן איינע פון די פראוויידערס וועלכע איר האט ערלויבט צו זען אייערע רעקארדס,
- רופן אייער קעיר מענעדזשער אדער Health Home: ______________________ אויף ______________________, אדער
- רופן אייער מענעדזשד קעיר פלאן אויב איר זענט א טייל פון א מענעדזשד קעיר פלאן.

אויב איר גייט אדורך דיסקרימינאציע צוליב דעם ארויסגעבונג אדער אנטפלעקונג פון פיזישע אדער פסיכאלאגישע דיסאביליטי, סאבסטענץ אדער אלקאהאל אביוז באהאנדלונג, אדער HIV\AIDS פארבינדענע אינפארמאציע, קענט איר זיך פארבינדן מיט די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מענטשן רעכטן אויף 1-888-392-3644. די אגענטור איז פאראנטווארטליך צו באשיצן אייערע רעכטן.

**12. דארף איך צאלן צו זיין אין א Health Home?**

ניין. די Health Home פראגראם איז צוגעשטעלט דורך Medicaid.

**13. בין איך געפאדערט צו זיין אין א Health Home?**

ניין. איר זענט נישט געפאדערט צו זיין אין א Health Home.

**14. אויב איך שרייב זיך נישט איין אין א Health Home, וועל איך נאכאלץ קענען באקומען העלט סערוויסעס?**

יא. איר קענט נאכאלץ באזוכן אייערע דאקטוירים און פראוויידערס, באקומען העלט סערוויסעס, און האלטן אייער העלט אינשורענס.

**15. אויב איך שרייב זיך היינט איין אין א Health Home, קען איך סיי ווען ארויסגיין פונעם Health Home?**

יא. איר קענט טוישן אייער מיינונג סיי ווען און צוריקציען פון די Health Home. אבער, אייער עלטערן, גארדיען, אדער לעגאלע אויטאריזירטע פארשטייער וועט דארפן צושטימען און זיך פארבינדן מיט אייער קיער מענעדזשער, קעיר פארוואלטונג אגענטור, אדער Health Home.

**16. ווי לאנג האלט אן מיין צושטימונג?**

אייער צושטימונג וועט אנהאלטן ביז איר פארלאזט די Health Home פראגראם, אדער אויב איר זענט מער נישט בארעכטיגט פאר א Health Home, אדער אויב די Health Home איז מער נישט אין ביזנעס, אדער אויב איר ווערט די עלטער אדער פלאץ צו אליינס געבן ערלויבעניש און אויספולן די Health Home פאציענט אינפארמאציע מיטטיילונג ערלויבעניש פארם (DOH-5055)

**17. אויב איך שרייב זיך נישט היינט איין אין א Health Home, קען איך שפעטער טוישן מיין מיינונג?**

יא. איר קענט זיך איינשרייבן סיי ווען, ווילאנג איר זענט בארעכטיגט.

**18. אויב איך האב פראגעס איבער די Health Home פראגראם, קען איך זיך פארבינדן מיט:**

______________________ פון ______________________ אויף ______________________

נאמען פון קעיר מענעדזשער, אויב באקאנט | נאמען פון קעיר פארוואלטונג אגענטור | טעלעפאן נומער

נאמען פון Health Home: ______________________ טעלעפאן נומער: ______________________